בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון
י"ט

פרשת פינחס
תשפ"ג

## שִׁעוּרִים אִין חִנּוּךְ

פְּרַשַׁת בֹּא, שְׁנַת תשפ"ג - ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ דֶעם לֶעצְטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת וַיְחִי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער

אַ בָּחוּר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִי עֶר שֶׁעמְט זִיךְ צוּ קוּקְן צוּ מִיר אִין פָּנִים, אוּן עֶר גֶעבְּט מִיר אִיבֶּער אַ בְּרִיוֶועלֶע, אִיךְ עֶפְן דֶעם בְּרִיוו שְׁטֵייט דָארְט אַזוֹי: **"רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבּ מִיר חִיזּוּק, אִיךְ דַארְף חִיזּוּק אוֹיף נִישְׁט רֵייכֶערְן שַׁבָּת"**; אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר: 'וָואס?! דוּ דַארְפְסְט חִיזּוּק אוֹיף נִישְׁט רֵייכֶערְן אוּם שַׁבָּת? דוּ גֵייסְט דָאךְ אָנְגֶעטוּן מִיט דִי שְׁמוֹנֶה בְּגָדִים, קוּקְסְט אוֹיס צוּ זַיין דִי חָשׁוּבְ'סְטֶער בָּחוּר!' זָאג אִיךְ אִים: **"זָאלְסְט ווִיסְן, דוּ קֶענְסְט פוּן יֶעצְט אָנְהֵייבְּן הִיטְן שַׁבָּת, דוּ קֶענְסְט יָא; דוּ קֶענְסְט הִיטְן שַׁבָּת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ"**, פְרֶעגְט עֶר מִיר: **"וָואס הֵייסְט, אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט?!"** זָאג אִיךְ אִים: **"נֵיין! וַוייל דוּ ווִילְסְט כָאטְשׁ זַיין גוּט, וֶוען דוּ ווִילְסְט וֶוען נִישְׁט זַיין גוּט, וָואלְסְטוּ דָאךְ נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען מִיר בֶּעטְן חִיזּוּק"**.

### יֶעצְט אִיז נָאר דִי פָארְשְׁפַּייז

מֶען דַארְף אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער, כְּסֵדֶר חַזֶרְ'ן מִיט זֵיי דִי וֶוערְטֶער: **"דוּ קֶענְסְט יָא", אוּן אַז דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט אַ טָעוּת קֶענְסְטוּ פַארֶרעכְטְן, מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן"**.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעבֶּעטְן** דִי לֶערֶערִינְס: רֶעדְט צוּ אַייעֶרע תַּלְמִידוֹת פוּן גוּטֶע מִדּוֹת; דֶערְצֵיילְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִיר גֶעדֶענְקְט פוּן אַלְס קִינְד, פוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן זִיךְ גְרוֹיס גֶעהַאלְטְן אוּן גֶעטְשֶׁעפֶּעט אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ, דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעלִיטְן אִין לֶעבְּן. מַיין מַאמֶע שְׁתִּחְיֶ' פְלֶעגְט מִיר אַלְץ בַּיים פִיטֶערְן נַאכְטְמָאל דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס פוּן שׁוּלֶע, ווִי זֵיי הָאבְּן דֶערְנִידֶערְט אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ, אוּן הַיינְט הָאבְּן זֵיי אַ בִּיטֶער לֶעבְּן לֹא עָלֵינוּ, אוּן אַ טֵייל פוּן זֵיי זֶענֶען הַיינְט גְרוּשׁוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער אַז דָאס לֶעבְּן עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט דָאס יָאר, יֶעצְט אִיז נָאר דִי פָארְשְׁפַּייז, בַּאלְד גֵייט מֶען חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן אוֹיבּ הָאסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיךְ אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ'ס גֶעפִילְן, וֶועט מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיינֶע גֶעפִילְן.

רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער, לֵייגְט עֶס אַרַיין מִיט אַ גֶעשְׁמַאק.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם'.

עֶס אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט ווִיסְן וָואס אַייעֶר חֲשִׁיבוּת אִיז, אוּן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה. ■

### • נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער •

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת בֹּא, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:

אִיךְ טְרַאכְט אַלְץ אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶערֶעכְט, אִיךְ וָואלְט גֶעדַארְפְט גֶעבְּן מֶער חִיזּוּק פַאר מְלַמְּדִים, אָבֶּער אִיךְ קוּם פָּשׁוּט נִישְׁט אָן, אִיךְ זוּךְ צוּ בָּארְגְן צַייט... אִיךְ פְּרֶעג אַלְץ דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וֶוער עֶס קֶען מִיר בָּארְגְן אַ שָׁעָה, צְוֵויי, דְרֵיי. וֶוען אִיךְ זֶע אַ בָּחוּר קוּמְט אוּן גֵייט, עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, זָאג אִיךְ אִים: **"אֶפְשָׁר בָּארְגְסְטוּ מִיר צֶען מִינוּט?"**... אִין דִי צֶען מִינוּט קֶען אִיךְ אֶפְשָׁר אַרוֹיס גֶעבְּן אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף נָאךְ אַ תּוֹרָה פוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אָדֶער שְׁרַייבְּן נָאךְ אַבִּיסְל פוּנֶעם פֵּירוּשׁ אוֹיף זֹהַר הַקָּדוֹשׁ. אָבֶּער אַז

### • נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער

עֶס קוּמְט מִיר שׁוֹין יָא אוֹיס אַז אִיךְ קֶען זִיךְ אַוֶועקְכַאפְּן אִינְמִיטְן מַיין פַארְנוּמֶענֶעם סֵדֶר הַיּוֹם, אַרָאפּ גַנְבְ'עֶנֶען אַ צֶען פוּפְצְן מִינוּט, צוּ מְחַזֵּק זַיין דִי מְחַנְּכִים פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִיז עֶס פַאר מִיר אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָּה אוּן שִׂמְחָה.

### אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת...

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן שׁוֹין מוֹסְדוֹת אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִין שְׁטֶעטְל אוּן אִין יְרוּשָׁלַיִם. פָארִיגֶע וָואךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת; וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן, עֶס הָאט מִיר צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת, ווִי אַזוֹי מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי בֵּית פֵּיגָא אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג. עֶס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע, עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין אַ דִירָה אִין אַ בֶּעיסְמֶענְט, מִיט צְוֵויי לֶערֶערִינְס, דִי הַיינְטִיגֶע מְנַהֶלֶת אוּן נָאךְ אַ מֵיידְל, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ שְׁנַיידְט מֶען שׁוֹין הַיינְט דִי פֵּירוֹת בָּרוּךְ הַשֵּׁם, עֶס אִיז פוּן דֶעם גֶעוָוארְן אַזַא שֵׁיינֶע קְהִילָה. בִּפְרַט דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דָא אוּן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט - זֵיי זֶענֶען אַן עִנְיָן אַחַר לְגַמְרֵי, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, יֶעדְן דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין, אָבֶּער אַז מֶען בַּאקוּמְט אַ 'גוּטֶע חִינוּךְ' אִיז עֶס גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

### דִי מֵיידְל אִיז גֶעדֶעמֶעדְזְשׁ"ט גֶעוָוארְן

אִיךְ ווִיל הַיינְט רֶעדְן פוּן אַן עִנְיָן, אִיךְ מַיין אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַמָאל גֶערֶעדְט דֶערְפוּן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן ווִיל אִיךְ דָאס נָאכְאַמָאל מְחַזֵּק זַיין. פַארְגַאנְגֶענֶע זוּמֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ מִשְׁפָּחָה, פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים, [וָואס הֵייסְט פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים? שְׁטִילֶערְהֵייט זֶענֶען זֵיי שׁוֹין לַאנְג מְקוֹרָב, פַאר לַאנְגֶע יָארְן הֶערְן שׁוֹין זֵיי אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן הַאטְלֵיין שְׁטִילֶערְהֵייט, יֶעצְט זֶענֶען פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים אָפֶּענֶערְהֵייט; דֶער מַאן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען צוּ דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּרִים אוּן דִי פְּרוֹי קוּמְט צוּ דִי פְרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּמֶען], זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, זֵיי דֶערְצֵיילְן מִיר אַז זֵייעֶר

‹‹‹

המשך

# שִׁעוּרִים אִין חִנוּךְ

פַּרְשַׁת בֹּא, שְׁנַת תשפ״ג - ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע״א

## • נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער

קְלֵיינֶע טָאכְטֶער גֵייט אִין אַ גְרוֹיסֶע מוֹסָד אִין בָּארָא פַּארְק, זַייט דְרֵיי יָאר צוּרִיק אִיז דִי מֵיידְל מַמָשׁ גֶעדֶעמֶעדְזְשְׁ״ט גֶעוָוארְן [אִין אִידִישׁ מֵיינְט דָאס: קַאלְיֶע גֶעוָוארְן; אִיךְ זָאג אִיבֶּער אַלֶע וֶוערְטֶער אִין בְּלוֹיז אִידִישׁ, וַוייל עֶס אִיז מִיר ווִיכְטִיג אַז דִי מְחַנְּכִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דִי שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ], נִישְׁט 'בְּרוּחָנִיוּת', נָאר עֶפֶּעס אִיז גֶעשֶׁען מִיט אִיר מֹחַ.

### אִין אַ טוּנְקֶעלֶע בּוֹילֶער רוּם

דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט ווִי אַזוֹי דָאס אִיז גֶעשֶׁען, וַוייל קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן דָאךְ נִישְׁט אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין שׁוּלֶע, אוּן יֶעצְט זֶענֶען זֵיי גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן דִי מַעֲשֶׂה, אַז יֶענֶע לֶערֶערִין הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אִיר טָאכְטֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ, הָאט זִי אִיר אַרַיין גֶענוּמֶען אִין אַ טוּנְקֶעלֶע בּוֹילֶער רוּם, אוּן אִיר דֶערְשְׁרָאקְן אַז זִי גֵייט בַּאקוּמֶען גֵיהִנוֹם!

אִיךְ וֶועל מַסְבִּיר זַיין פַאר דִי יְרוּשָׁלַיִם'עֶ מְחַנְּכִים וָואס אַ 'בּוֹילֶער רוּם' אִיז; עֶס אִיז אַ שְׁטוּבּ וָואס אִיז גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט צוּגֶעעֶנְדִיגְט שֵׁיין, דָארְט לִיגְן מַאשִׁינֶען אוּן רֶערְן וָואס הֵייצְן אָן דִי קַאלְטֶע וַואסֶער, אִין אַמֶערִיקֶע אִיז דָא אִין יֶעדֶע בִּנְיָן אַזַא שְׁטִיבְּל. אִין יְרוּשָׁלַיִם אַרְבֶּעט עֶס אַנְדֶערְשׁ, עֶס לִיגְט אַ פַּאס וַואסֶער אוֹיפְ'ן דַאךְ אוּן עֶס הֵייצְט זִיךְ דוּרְךְ דִי זוּן (מֶען רוּפְט עֶס 'דוּד שֶׁמֶשׁ').

אֲפִילוּ וֶוען דִי בּוֹילֶער רוּם וָואלְט גֶעהַאט לֶעקְטֶער - אִיז דָאס אוֹיךְ שְׁרֶעקֶעדִיג פַאר קִינְדֶער, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אָן לֶעקְטֶער?! קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא פוּן דֶעם שְׁטוּבּ, מֶען זֶעט דָארְט פִיל מִיט מַאשִׁינֶען אוּן פֵּייפְּס (רֶערְן), עֶס בְּרֶענְט דָארְט אַ פֵייעֶר, מַייזְן לוֹיפְן דָארְט אַרוּם, עֶס אִיז פוּל מִיט מַייז שְׁמוּץ, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין הַנָאָה צוּ זַיין אִין אַזַא שְׁטוּבּ, אֶפְשָׁר מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן גְלַייכְן אַהִין צוּ גֵיין.

### דָאס אִיז נִישְׁט דִיסְצִיפְּלִין

זַייט דֶעמָאלְט הָאט דָאס קִינְד גֶעכַאפְּט אַ שְׁוַוייגֶענִישׁ, זִי אִיז אַרַיין אִין אַ פַּחַד, אִין אַ פַארְמַאכְטְקֵייט. עֶס אִיז טַאקֶע גֶעלוּנְגֶען פַאר דִי לֶערֶערִין צוּ מַאכְן סֵדֶר אִין קְלַאס, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט דִיסְצִיפְּלִין, דָאס אִיז 'פַארְמַאכְן דִי קִינְדֶער', עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער דְרֵיי יָאר אוּן דָאס קִינְד אִיז גֶעשֶׁעדִיגְט אִין מֹחַ!

דִי מַאמֶע הָאט גֶעוֵויינְט צוּ מִיר אַז זִי הָאט מוֹרָא, אֶפְשָׁר אִיז עֶס אִיר שׁוּלְד, אַז זִי אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע מַאמֶע, זִי שְׁפִּירְט אַז ווִי זִי אַלֵיינְס דַארְף שׁוֹין נֶעמֶען בַּארוּאִיגוּנְג מֶעדֶעצִינֶען, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט: דָאס קוּמְט פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶר קוּמְט אַלְץ צוּם מֶענְטְשׁ אִים צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַז 'אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת, מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּנֶעם עָבַר, וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, מֶען קֶען נָאר טְרַאכְטְן 'ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע פוּן יֶעצְט', 'ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען זַיין אַ גוּטֶע לֶערֶערִין פוּן יֶעצְט', מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אָנְהֵייבְּן אוֹיפְצוּעֶסְן דָאס גֶעזוּנְט מִיט אַלְטֶע מַעֲשִׂיוֹת.

### דִיסְצִיפְּלִין אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט

וָואס ווִיל אִיךְ אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען מִיט דִי מַעֲשֶׂה? אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן אַלֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס בַּיי אוּנְז אִין דִי מוֹסָד אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִיסְצִיפְּלִין, מֶען מוּז אוֹיסְלֶערְנֶען דִיסְצִיפְּלִין, מֶען מוּז אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אִיךְ קוּק אַרוֹיף אַ מְלַמֵד אוּן אַ לֶערֶערִין וָואס קֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן וֶוען אַ מְלַמֵד קוּמְט מִיר זָאגְן אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען צֶעלָאזְט, וֵוייס אִיךְ אַז עֶס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, (עֶס הָאט אוֹיךְ גָארְנִישְׁט מִיטְ'ן מְלַמֵד, קֶען זַיין אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעאֵייגְנְט צוּ זַיין מְלַמֵד), אַ מְלַמֵד דַארְף קֶענֶען אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַ טוּן אִין כִּתָּה, אוּן אוֹיבּ עֶר קֶען נִישְׁט, זָאל עֶר נֶעמֶען הִילְף פוּן אָפִּיס.

דִיסְצִיפְּלִין אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט, בַּיי דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין. מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען גֶעלֶעמְט אוֹיף אֵיין פוּס לֹא עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס, וֶוען דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן נָאר גֶעהֶערְט דֶעם קוֹל פוּן דִי שְׁטֶעקֶענֶעס פוּן דֶערְוַוייטְנְס הָאט שׁוֹין יֶעדֶער זִיךְ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף זַיין פְּלַאץ, מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערִירְט פוּן פְּלַאץ.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּלַאץ וואוּ אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיךְ גֶעזֶען, אִיז גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ, יֶעדְן דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט וֶוען מֶען הָאט נָאר גֶעהֶערְט דֶעם קוֹל ווִי מוֹהֲרָא״שׁ קוּמְט אַרָאפּ דִי טְרֶעפּ, הָאט זִיךְ יֶעדֶער גְלַייךְ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף זַיין פְּלַאץ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ.

נָאר אוֹיבּ אִיז דָא דֶרֶךְ אֶרֶץ קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין, דֶערְפַאר מוּז מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶער מֶען קֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן. ■

# חִיזוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

אַ גוּטְן אָוֶוענְט אַלֶע טֵייעֶרֶע חָשׁוּבְ'עֶ עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען צוּ דִי 'אֲסִיפַת הַהוֹרִים', אִיבֶּערְצוּשְׁמוּעֶסְן מִיט דִי מְחַנְּכִים אוּן הַנְהָלָה אַלֶעס וָואס מֶען קֶען מַאכְן בֶּעסֶער פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

אִיךְ וֶועל רֶעדְן דָא פוּן אַפָּאר נְקוּדוֹת, אוּן אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיינֶע וֶוערְטֶער וֶועלְן אַרַיינְגֵיין אִין אַייעֶרֶע הֶערְצֶער.

### דִי עֶרְשְׁטֶע נְקוּדָה, "נִישְׁט אַרָאפּ קְלַאפְּן אַ קִינְד"

טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן: 'חִינוּךְ' אִיז דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ, דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אוּן הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיז דָא בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דִי מַאמֶעס זֶענֶען דִי וָואס זֶענֶען מְחַנֵךְ, אוּן גְרֵייטְן אָן אַ דוֹר פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינֶע פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מֶען ווִיל מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער, מֶען ווִיל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ לֶעבְּן מִיט גוּטֶע מִידוֹת, ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אוּן ווִי אַזוֹי צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן וְכוּ' וְכוּ', אִיז נִישְׁט אַרָאפּ קְלַאפְּן דֶעם קִינְד.

אִיךְ וֶועל גֶעבְּן עֶטְלִיכֶע בֵּיישְׁפִּילְן, אוּן אִיךְ הָאף אַז אַלֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן עֶס נֶעמֶען פַאר זֵייעֶר מַצָב, פַאר זֵייעֶר זַאךְ וָואס זֵיי זֶענֶען מְחַנֵךְ, אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן נִישְׁט צוּ צֶעקְלַאפְּן דֶעם קִינְד אוּן נִישְׁט וֵויי טוּן דֶעם קִינְד.

### מְחַנֵךְ צוּ זַיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן מְחַנֵךְ זַיין אַ קִינְד זִי זָאל זַיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען; דִי מַאמֶע פְרֶעגְט דָאס קִינְד: **"וואוּ אִיז דַיין קְלֵייד?"** זָאגְט זִי: **"אִיךְ וֵוייס נִישְׁט"**. **"וואוּ אִיז דַיין שׁוּךְ?"** זָאגְט זִי: **"אִיךְ וֵוייס נִישְׁט"**, אוּן דִי מַאמֶע הֵייבְּט אָן שְׁרֵייעֶן אוֹיפְ'ן קִינְד: **"וָואס הֵייסְט דוּ וֵוייסְט נִישְׁט?! אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי לֶעבְּן וֶועסְטוּ נִישְׁט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן, קֵיינֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט דַארְפְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ!"** דִי מַאמֶע הַאקְט אִין קָאפּ אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: **"דוּ וֶועסְט נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן!" דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן!" "דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן!"**

### זִי גֶעבְּט אוֹיס אִירֶע נֶערְוְון אוֹיפְ'ן קִינְד

וָואס טוּט זִי יֶעצְט? זִי אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ דֶעם קִינְד, זִי גֶעבְּט פָּשׁוּט אוֹיס אִירֶע נֶערְוְון אוֹיפְ'ן קִינְד, ווִיבַּאלְד עֶס בַּאדֶערְט אִיר אַז דָאס קִינְד אִיז נִישְׁט צוּזַאמְגֶענוּמֶען, גֶעבְּט זִי אוֹיס אִיר אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אוֹיף דֶעם קִינְד. וָואס גֶעשֶׁעט דֶערְפוּן? דָאס קִינְד גֵייט יֶעצְט הָאבְּן צְוֵויי פְּרָאבְּלֶעמֶען, סֵיי אַז זִי אִיז נִישְׁט צוּזַאמְגֶענוּמֶען, אוּן סֵיי דוּרְךְ דֶעם וָואס זִי הֶערְט פוּן דִי מַאמֶע טוֹיזְנְט מָאל, צֶען טוֹיזְנְט מָאל, צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט מָאל: **"דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן!" "דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען פִירְן אַ שְׁטוּבּ!"** הָאט אִיר צֶעבְּרָאכְן דֶעם קִינְד, אִיר הָאט אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּנֶעם קִינְד אִיר זִיכֶערְקֵייט, בְּשַׁעַת דָאס קִינְד בְּלַייבְּט נָאכְאַלְץ מִיט אִיר פְּרָאבְּלֶעם פוּן נִישְׁט זַיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען.

# חִיזוּק פַאר מְלַמְּדִים

## • אִינְוֶועסְטִירְן אִין קִינְדֶער

אַרוֹיסְגֶעגוּמֶען פוּנֶעם 'דַף שִׁיעוּר' פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### הֶערְלִיכֶע דִיבּוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי מְלַמְּדִים נָאכְ'ן פָּארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

#### מֶען פַארְשְׁפִּילְט דִי יָארְן

מֶען דַארְף אִינְוֶועסְטִירְן אִין קִינְדֶער. אִיךְ זֶע אַסַאךְ מָאל בָּחוּרִים וָואס וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, נֶעמֶען זֵיי עֶס אַרַיין אִין מוֹיל אָן אַ בְּרָכָה, דָאס קוּמְט וַוייל זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶענוּג שְׁטַארְק אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין זֵיי יוּנְגֶערְהֵייט צוּ מַאכְן אַ בְּרָכָה בַּיים עֶסְן. טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר, קוּמְט אוֹיס אַז דָאס וָואס אִיךְ מַאךְ בְּרָכוֹת וֶוען אִיךְ עֶס אוּן טְרִינְק, אִיז נִישְׁט מַיין קְרֶעדִיט, דֶער קְרֶעדִיט קוּמְט זִיךְ פַאר מַיין טַאטֶע מַאמֶע, וָואס הָאבְּן גוּט אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין מִיר יוּנְגֶערְהֵייט צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת בַּיים עֶסְן, אוּן דָאס אַז מַיינֶע קִינְדֶער מַאכְן בְּרָכוֹת בַּיים עֶסְן – דָאס אִיז מַיין קְרֶעדִיט.

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן אַ גַאנְצְן טָאג אַרְבֶּעטְן, מֶען קוּמְט אַהֵיים פוּן דִי אַרְבֶּעט, אוּן דֶער קְלֵיין קִינְד וֵויינְט, עֶר דַארְף צוּ טְרִינְקֶען, דֶער טַאטֶע הָאט נִישְׁט יֶעצְט קֵיין גֶעדוּלְד צוּ זָאגְן מִיט אִים אַ בְּרָכָה, גִיבְּט עֶר אִים צוּ טְרִינְקֶען אוּן שׁוֹין... מֶען כַאפְּט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט אַז מֶען פַארְשְׁפִּילְט דִי יָארְן, וִוי אַזוֹי אַ קִינְד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ אִין זַיינֶע עֶרְשְׁטֶע יָארְן, וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גָאר קְלֵיין, אַזוֹי גֵייט עֶר בְּלַייבְּן פַאר זַיין לֶעבְן, עֶס אִיז אֶמֶת דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין כֹּחַ, אָבֶּער אַז מֶען שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן, מֶען גִיבְּט אִים צוּ טְרִינְקֶען אָדֶער אַ לַאלִי אוּן מֶען זָאגְט מִיט אִים: "**בָּרוּךְ אַתָּה** ...", הֶעלְפְסְטוּ דַיין קִינְד אוֹיפְוַואקְסְן, דוּ הֶעלְפְסְט אִים זַיין עֶרְלִיךְ.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט 'נֶעגְל וַואסֶער'; פַארְוָואס גִיס אִיךְ זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער? בִּין אִיךְ דֶען נִישְׁט אַזוֹי מִיד וִוי דִיר בַּיינַאכְט? בִּין אִיךְ נִישְׁט אַזוֹי פוֹיל וִוי דִיר בַּיינַאכְט? דִי לֶעצְטֶע פֶּאר יָאר גְרֵייט מִיר מַיין זוּן אָן נֶעגְל וַואסֶער, וַוייל עֶר הָאט גֶעהֶערְט בַּיי דִי דְרָשׁוֹת אַז אַ קִינְד זָאל אָנְגְרֵייטְן פַאר זַיין טַאטֶע מַאמֶע נֶעגְל וַואסֶער, אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, פַארְוָואס גְרֵייט אִיךְ זִיךְ אָן נֶעגְל וַואסֶער? וַוייל מַיין טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן מִיךְ אָפְּגֶעגָאסְן נֶעגְל וַואסֶער, זֵיי הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט אָן נֶעגְל וַואסֶער.

#### אִיר זֶענְט דִי מַנְהִיגִים

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי מְלַמְּדִים: אִיר זֶענְט דִי מַנְהִיגִים; אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ שְׁפִּירְן וִוי אַן עֶכְטֶע רֶבִּי, קֶענְסְטוּ קוֹיפְן דִי קְלֵיינֶע עֶפְּלֶער, עֶס אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין חֵדֶר אִין אַ שֵׁיינֶע טַאץ, וַוארְף פַאר יֶעדְן קִינְד אַן עֶפְּל, זָאג זֵיי וֶוער עֶס כַאפְּט אַן עֶפְּל וֶועט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד... אִיר זֶענְט דִי רֶבִּי'ס פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל!

#### לֶערְנֶען מִיט כִּתָּה א'

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דֶער מְלַמֵּד פוּן כִּתָּה אַ': דוּ הָאסְט דִי יָאר אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, דוּ דַארְפְסְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. צוּ לֶערְנֶען מִיט כִּתָּה אַ' קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קֵיין חָכְמָה, עֶס אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט מִיט זֵיי אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם נֶעמֶען אַ גַאנְצֶע כִּתָּה אוּן אָפְּ'שֶׁחְטְ'ן אוֹיף אֵייבִּיג.

אִיךְ ווִיל דִיר נִישְׁט צוּ שְׁטַארְק דֶערְשְׁרֶעקְן, אִיךְ ווִיל דִיר אָבֶּער מְזָרֵז זַיין. אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר וֵויינֶען אִינְמִיטְן זוּמֶער אַז זַיין זוּן עֶנְדִיגְט יֶעצְט כִּתָּה אַ', אוּן עֶר אִיז יֶעצְט גֶעוואָרְן גֶעווָאוֹיר אַז זַיין זוּן קֶען נִישְׁט קֵיין עִבְרִי, עֶס הָאט אִים גֶעכַאפְּט אַזַא שְׁרֶעק, עֶר הָאט גֶערוּפְן דֶער מְלַמֵּד פוּן זַיין זוּן, עֶר פְרֶעגְט אִים: "**פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן יָאר?**" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "**אִיךְ דַארְף דִיר נִישְׁט זָאגְן, דוּ הָאסְט דָאךְ עֶס אַלֵיינְס גֶעקֶענְט זֶען!**" בֶּאֱמֶת אִיז דֶער טַאטֶע טַאקֶע אַלֵיינְס שׁוּלְדִיג, וַוייל וֶוען מֶען הָאט אַ קִינְד אִין כִּתָּה אַ' דַארְף מֶען יֶעדְן טָאג זַיין וַואךְ צוּ זֶען אוֹיב דֶער קִינְד גֵייט מִיט אָדֶער פַאלְט אַרוֹיס. מֶען דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס אִינְטֶערֶעסִירְן בַּיים מְלַמֵּד וִוי אַזוֹי דֶער זוּן קֶען.

עֶר פְרֶעגְט מִיר: "**וָואס זָאל אִיךְ יֶעצְט טוּן?**" הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר'ן טַאטֶע'ן: "**דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט זִיךְ כָאטְשׁ יֶעצְט אוֹיפְגֶעוֶועקְט, יֶעצְט קֶענְסְטוּ נָאךְ שְׁנֶעל פַארְרֶעכְטְן**". עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ מוֹהֲרָא"שְׁ'ס צִיוּן, נָאר צוּלִיבּ דֶעם, אוֹיס צוּ פּוֹעֵלְ'ן אַ יְשׁוּעָה פַאר זַיין זוּן.

זֵיי הָאבְּן גֶעווָאוֹינְט אִין אַ פַּלַאץ אִין מָאנְסִי, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרִיבֶּער גֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל, דֶער טַאטֶע זָאגְט מִיר: "**אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין פַּלַאץ, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ וואוֹינֶען אִין אַ בֶּעסְמֶענְט, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ ווִיל רַאטֶעוֶוען מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ ווִיל מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן גוּטֶע מְלַמְּדִים**".

דֶערְפַאר דַארְף דֶער מְלַמֵּד אַרְבֶּעטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת זִיכֶער צוּ מַאכְן אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן מַצְלִיחַ מִיט דִי עִבְרִי. ■

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### מֶעג אִיךְ לָאזְן מַיין קִינְד בַּיים בֶּעבִּיסִיטֶער מֶער פוּן ווִיפִיל סְ'פֶּעלְט אוֹיס?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם ווִיל אִיךְ זָאגְן אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק.

אַזוֹי וִוי אִיךְ אַרְבֶּעט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, אוֹיסֶער דָאנֶערְשְׁטָאג, אוּן דִי אַרְבֶּעטְס פְּלַאץ שְׁטֶעלְט צוּ בֶּעיבִּי-סִיטִינְג, אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ ווִיל אוֹיסְנוּצְן דֶעם דָאנֶערְשְׁטָאג טָאג אָנְצוּגְרֵייטְן פַאר שַׁבָּת, רֵיינִיגְן דִי הוֹיז, קָאכְן אוּן וַואשְׁן וְכוּ', הָאבּ אִיךְ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעטְרָאגְן מַיין בֶּעיבִּי צוּ דִי בֶּעיבִּי-סִיטֶער דָאנֶערְשְׁטָאג (וָואס מַיין קִינְד הָאט זֵייעֶר לִיבּ צוּ זַיין דָארְט), אָבֶּער זֵייעֶנְדִיג אִינְדֶערְהֵיים טוּעֶנְדִיג דִי אַרְבֶּעט הָאבּ אִיךְ גֶעפִילְט זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, טְרַאכְטְנְדִיג אַז דִי אֵיינֶע טָאג אִין דִי וָואךְ וָואס אִיךְ הָאבּ פְרֵיי וָואלְט אִיךְ אֶפְשָׁר עֶנְדֶערְשׁ גֶעדַארְפְט אוֹיסְנוּצְן צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט מַיין קִינְד.

ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה צִי דָאס אִיז סְתָם עֲצַת הַיֵּצֶר וָואס ווִיל מִיר מַאכְן פִילְן צֶעקְלַאפְּט, אַז אִיךְ טוּ נִישְׁט גֶענוּג אַלְס אַ מַאמֶע, אָדֶער אַלְס אַ מַאמֶע מֶעג אִיךְ מִיךְ עֶרְלוֹיבְן צוּ הָאבְן דִי פֶּאר שָׁעָה רוּאִיג צוּ טוּן מַיין אַרְבֶּעט, אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען קֶען מֶען גֶענוּג אוּן נָאךְ פְרַייטָאג אוּן שַׁבָּת, אוּן יֶעדְן טָאג נָאךְ דִי אַרְבֶּעט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ה מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

אוֹיבּ אַייעֶר קִינְד אִיז צוּפְרִידְן דָארְט וואוּ עֶר גֵייט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם אַז מֶען שִׁיקְט אִים אַהִין אוּן מֶען רוּט זִיךְ אַבִּיסְל אָפּ, וַוייל אַז מֶען הָאט אַבִּיסְל צַייט אִינְמִיטְן טָאג זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן קֶען מֶען נָאכְדֶעם זִיךְ מֶער אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער.

מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסט): "וָואס מֶען טוּט טוּט מֶען, אַבִּי מֶען טוּט נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְס"; אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוּם דְרֵייעֶן מִיט אַ שִׁילְד גֶעפִיל אוֹיף זַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, נָאר שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן"; מֶען קֶען הֶערְן וִוי מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גוּטֶע זִכָּרוֹן, זֵיי פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ חִסָּרוֹן, "אָבֶּער בַּיי מִיר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז דוּרְךְ, אוּן דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין

## הַמְשֵׁךְ בִּרְיוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנַייעֶן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנַיי".

מֶען זֶעט אַז דִי תּוֹרָה הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיטְ'ן אוֹת 'ב' וָואס אִיז פַארְמַאכְט פוּן אַלֶע זַייטְן, עֶס אִיז אָפְן נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס; דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז אוֹיבּ מֶען וִויל מַצְלִיחַ זַיין, טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט מֶען נָאךְ פוּן צַדִיקִים, אַז דִי וַוייבּ פוּן לוֹט אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁטִיק זַאלְץ צוּלִיבּ דֶעם וָואס זִי הָאט צוּרִיק גֶעקוּקְט, אוּן וֶוען מֶען קוּקְט צוּרִיק וֶוערְט מֶען זַאלְץ, דָאס הֵייסְט מֶען וֶוערְט דֶערְבִּיטֶערְט.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן וִויסְן אַז צוּ גוּטֶע קִינְדֶער אִיז מֶען זוֹכֶה נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ תְּפִילָה; קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי וִוי פְּרוּכְט, אוֹיבּ מֶען בַּאוַואסֶערְט נִישְׁט אַ פֶעלְד וֶועט נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען קַיין פֵּירוֹת אוּן תְּבוּאָה, נָאר וִוי מֶער מֶען בַּאוַואסֶערְט דָאס, אַלְץ שֶׁענֶערֶע פְרוּכְט קוּמֶען אַרוֹיס. אַזוֹי אִיז מִיט קִינְדֶער; וִוי מֶער תְּפִילוֹת, וִוי מֶער טְרֶערְן דִי עֶלְטֶערְן לֵייגְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, אַלְץ מֶער נַחַת וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וִוי זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וַויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; דֶערְפַאר דַארְפְן עֶלְטֶערְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ב, מכתב קיב)

## הַמְשֵׁךְ חִיזוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

דָאס אִיז נִישְׁט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ אַ קִינְד. מֶען דַארְף 'מְחַנֵךְ זַיין', חִינוּךְ מֵיינְט אַז מֶען זָאגְט פַארְ'ן קִינְד: "**קוּק אַהֶער, מֶען דַארְף זַיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען, מֶען דַארְף לֶעבְּן צַאמְגֶענוּמֶענְהֵייט, אוּן אַז דוּ וֶועסְט לֶעבְּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען וֶועסְטוּ קֶענֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוֹיךְ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ**". רֶעדְט 'פַּאזֶעטִיוו', נִישְׁט 'נֶעגֶעטִיוו'.

### מְחַנֵךְ צוּ עֶסְן נָארְמַאל

נָאךְ אַ בֵּיישְׁפִּיל, עֶלְטֶערְן וָואס וִוילְן דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין שֵׁיין, דַאר; דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס עֶלְטֶערְן וִוילְן זֵייעֶר שְׁטַארְק, בִּפְרַט וֶוען דִי קִינְדֶער וֶוערְן שׁוֹין עֶלְטֶער. וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ מַאכְן דָאס קִינְד זָאל עֶסְן נָארְמַאל? מֶען נֶעמְט דָאס קִינְד אוּן מֶען בּוֹיט אִיר אוֹיף, מֶען זָאגְט אִיר: "**לָאמִיר זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן דוּ זָאלְסְט אוֹיסְקוּקְן גוּט**".

### דוּ בִּיסְט אַ פֶּעצָאוֹ...

זֶענֶען אָבֶער דָא עֶלְטֶערְן וָואס וֶועלְן שְׁרֵייעֶן אוֹיפְ'ן קִינְד: "**דוּ גְרָאבֶּער**", "**דוּ פֶּעטֶער**", "**דוּ בִּיסְט אַ פֶּעצָאוֹ**", "**דוּ בִּיסְט אַ פַּאס**", אוּן בַּאלְד וֶוען מֶען גֵייט טֵיילְן אֵייסְקְרִים נָאךְ נַאכְטְמָאל, זָאגְט מֶען אִיר: "**יֶעדֶער גֵייט בַּאקוּמֶען אֵייסְקְרִים אוֹיסֶער דוּ, וַוייל דוּ בִּיסְט פֶּעט!**" מֶען מַאכְט אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּן דֶעם קִינְד, מֶען לַאכְט פוּן אִיר אִין פָארְנְט פוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער.

### זִי גֵייט אָנְהֵייבְּן עֶסְן נָאכְמֶער

וָואס גֶעשֶׁעט יֶעצְט? סֵיי אַז דָאס קִינְד גֵייט זִיךְ גָארְנִישְׁט טוּישְׁן, פַּארְקֶערְט, אוֹיבּ עֶפֶּעס גֵייט זִי וֶוערְן מֶער צֶעבְּרָאכְן אוּן אָנְהֵייבְּן עֶסְן נָאכְמֶער, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען עֶפֶּעס בַּאדֶערְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, לֵייגְט עֶר אַרַיין דֶעם קָאפּ אִין עֶסְן, עֶר הֵייבְּט אָן עֶסְן מֶער אוּן מֶער, אוּן סֵיי אִיר הָאט פָּשׁוּט מְצַעֵר גֶעוֶוען, וַויי גֶעטוּן אוּן גֶעטְשֶׁעפֶּעט אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען קֶען דֶערְפַאר בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ.

### מֶען טָאר וַויי טוּן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער

דָאס וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען קַיין מֶענְטְשְׁן, מֶען טָאר נִישְׁט וַויי טוּן קַיין מֶענְטְשְׁן, אִיז נִישְׁט גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן נָאר בַּיי פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן, בַּיי שְׁכֵנִים, קָאזִינְס אוּן נֶעפְיוּ'ס, מֶען טָאר אוֹיךְ נִישְׁט וַויי טוּן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, אַז מֶען טוּט וַויי אַ קִינְד, אַז מֶען מַאכְט וַויינֶען אַ קִינְד בַּאקוּמְט מֶען אַן עוֹנֶשׁ!

עֶס זֶענֶען דָא מַאמֶעס וָואס מֵיינֶען: 'אִיךְ בִּין יֶעצְט מְחַנֵךְ מַיין קִינְד', אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִינוּךְ. עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיךְ דַארְף יֶעצְט לָאזְן מַיין קִינְד טוּן וָואס עֶר וִויל, נֵיין! מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין, אָבֶער נִישְׁט וַויי טוּן, נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע עֲבֵירָה.

### מְחַנֵךְ צוּ זָאגְן גוּט עִבְרִי

נָאךְ אַ בֵּיישְׁפִּיל, לָאמִיר זָאגְן אַייעֶר קִינְד גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועריקֵייט, עֶר רֶעדְט שְׁטַייט אוּן עֶר קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט דִי עִבְרִי; דֶער מְלַמֵד אָדֶער לֶערֶערִין שִׁיקְט אַהֵיים אַ צֶעטְל מִיט דִי אוֹתִיוֹת, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער צֶעטְל שִׁיקְט מֶען נִישְׁט אַהֵיים צוּ פַארְהֶערְן, דָאס שִׁיקְט מֶען אַהֵיים צוּ אִיבֶּער גֵיין מִיטְ'ן קִינְד, אִים צוּ הֶעלְפְן. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בֶּעט אִיךְ פוּן אַלֶע עֶלְטֶערְן, דִי אַלֶע וָואס נֶעמֶען דִי 'שְׁאֵלוֹת צֶעטְל' וָואס מֶען שִׁיקְט אַהֵיים אוֹיף שַׁבָּת, אוּן זֵיי פַארְהֶערְן דִי קִינְדֶער, בֶּעט אִיךְ אַ טוֹבָה, הֶערְט אוֹיף צוּ פַארְהֶערְן דִי שְׁאֵלוֹת! מִיר שִׁיקְן דָאס נִישְׁט אַהֵיים מֶען זָאל פַארְהֶערְן דִי קִינְדֶער, מִיר וִוילְן בְּלוֹיז אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן עֶס אִיבֶּערְגֵיין מִיטְ'ן קִינְד אוּן הֶעלְפְן דֶעם קִינְד עֶר זָאל קֶענֶען בֶּעסֶער.

### אִיר קֶענְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט...

וֶוען אַ לֶערֶערִין שִׁיקְט אַהֵיים אַ צֶעטְל מִיט אוֹתִיוֹת צוּ חַזֶרְ'ן אִינְדֶערְהֵיים, אוּן אִיר פְרֶעגְט דֶעם קִינְד: "**וָואס אִיז דָאס?**" אוּן דָאס קִינְד עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט, וֶוערְט נִישְׁט יֶעצְט בְּרוֹגֶז: "**דוּ קֶענְסְט נִישְׁט?!**" - נֵיין, דָאס קִינְד קֶען נִישְׁט! אִיר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט וֶוען אִיר זֶענְט גֶעוֶוען אַ קִינְד! אוּן אִיךְ מֵיין אַז אִיר קֶענְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט... נִישְׁט אַלֶע פְרוֹיעֶן קֶענֶען גוּט עִבְרִי, אוּן זֵיי הָאבְּן קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, עֶס פֶעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט.

### דָאס קִינְד וֶוערְט אוּמְזִיכֶער

וֶוען מֶען שִׁיקְט אַהֵיים אַן עִבְרִי צֶעטְל, וִויל מֶען אִיר זָאלְט הֶעלְפְן דָאס קִינְד; נֶעמְט דֶעם צֶעטְל, זָאגְט אִיר: "**קָמַץ אַלֶף אִיז אָ**", זִי זָאגְט עֶס אִיבֶּער, זָאגְט אִים: "**זֵייעֶר גוּט, הָאסְט זֵייעֶר גוּט גֶעקֶענְט**", "**אוּן וָואס אִיז דָאס?**" דָאס קִינְד עֶנְטְפֶערְט: "**אִיךְ וֵייס נִישְׁט**", זָאגְט אִיר וִוידֶער: "**קָמַץ בֵּית אִיז בָּ**", הֶעלְפְט אִיר, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס אִיז גוּט צוּ רוּפְן דֶעם מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן וִוי אַזוֹי דָאס קִינְד הַאלְט מִיט, אוּן אֶפְשָׁר דַארְף דָאס קִינְד מֶער חֲזָרָה פוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אָבֶער פַארְ'ן קִינְד טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן: "**דוּ קֶענְסְט נִישְׁט!**" וַוייל דָאס מַאכְט אַז דָאס קִינְד זָאל טַאקֶע נִישְׁט קֶענֶען, זִי וֶוערְט אוּמְזִיכֶער מִיט זִיךְ.

### מְחַנֵךְ צוּ גֶעדֶענְקֶען

אִיךְ וֶועל גֶעבְּן נָאךְ אַ בֵּיישְׁפִּיל, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ גֶעבְּן רוֹב מְשָׁלִים וָואס אַלֶע מַאמֶע'ס גֵייעֶן אַרִיבֶּער. אַ קִינְד וָואס פַארְגֶעסְט שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן וָואס מֶען פַארְלַאנְגְט פוּן אִיר; דִי מַאמֶע פְרֶעגְט דָאס קִינְד: "**הָאסְט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט דַיין בּוּךְ פוּן שׁוּלֶע?**" "**הָאסְט גֶעטְרָאגְן פַאר דַיין לֶערֶערִין דֶעם צֶעטְל וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר אָנְגֶעגְרֵייט?**" אוּן דָאס קִינְד עֶנְטְפֶערְט: "**נֵיין, אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן**", טָאר מֶען נִישְׁט יֶעצְט אָנְהֵייבְּן שְׁרֵייעֶן אוֹיפְ'ן קִינְד: "**דוּ בִּיסְט אַ צֶעפְלוֹיגֶענֶע מֵיידְל, אֵייבִּיג פַארְגֶעסְטוּ וָואס מֶען הֵייסְט דִיר טוּן**".

### דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיינְס דֶערְלֵייגְן

דָאס גֵייט יֶעצְט נִישְׁט הֶעלְפְן אַז דָאס קִינְד זָאל שׁוֹין גֶעדֶענְקֶען אִירֶע זַאכְן, עֶנְדֶערְשׁ דַארְף מֶען רֶעדְן צוּם קִינְד, אוּן הֶעלְפְן דָאס קִינְד, מֶען קֶען אִיר דֶערְמַאנֶען נָאכְאַמָאל אִינְדֶערְפְרִי וָואס זִי הָאט צוּ טוּן, נָאכְדֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ אַרַיין רוּפְן אִין שׁוּלֶע אַז אִיךְ הָאבּ מִיט גֶעשִׁיקְט מִיט מַיין טָאכְטֶער אַ פֶּעקְל אָדֶער אַ קְלֵייד, אַז זִי זָאל עֶס אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר יֶענֶע מֵיידְל.

מִיטְ'ן צֶעקְלַאפְּן אַ קִינְד דֶערְלֵייגְן נָאכְדֶעם דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיינְס, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן דֶערוֹיף.

(גֶענוּמֶען פוּן אַ חִינוּךְ שִׁיעוּר פוּן מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת וָאֵרָא שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן)

### • נִישְׁט אַרָאפּ קְלַאפְּן אַ קִינְד

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בּר־סלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 /קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876